קובץ

# תוך הנחל

דיבורים נוראים ונפלאים שנאמרו
בשבת קודש פרשת נח תשס"ה

[אויף אידיש]

מפ"ק כ"ק הרה"צ **מוהרא"ש** שליט"א

יוצא לאור חודש מרחשון תשע"א

breslevcity.co.il

# ליל שבת קודש פרשת נח ה'תשס"ה

פרייטאג צו נאכט'ס ביי די ערשטע סעודה, האט מוהרא"ש שליט"א געשמועסט גיוואלדיגע מורא'דיגע דיבורים, אויפן רבינ'ס ווערטער אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן ח"א סימן ט', וואס רעדט פון תפלה און פון תיבת נח, עיין שם.

און האט מוהרא"ש שליט"א אנגעהויבן: זאגט דער הייליגער רבי ז"ל (מוהרא"ש שליט"א האט איבער געחזר'ט אויף איין נקודה וואס ווערט דערמאנט אין די תורה פונעם רבי'ן).

דער עיקר חיות באקומט מען פון תפילה, אזוי ווי עס שטייט (תהלים מ"ב): "תפילה לא'ל חיי". דערפאר דארף מען דאווענען מיטן גאנצע כח. ווייל ווען מען דאווענט מיט דעם גאנצע כח, און מ'לייגט אריין די כח אין די אותיות פון תפלה ווערט באנייעט דארט זיין כח וכו'.

אבער ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען, דעמאלס קומען פרעמדע געדאנקען מיט און ער ווערט ארומגענומען מיט קליפות, און ער בלייבט אין די פינסטערניש און ער קען נישט דאווענען, אזוי ווי עס שטייט (איכה ג'): "סכות בענן לך מעבור תפלה" [האסט באדעקט מיט א וואלקן אז דאס דאווענען זאל נישט קענען אריבער גיין], און עס שטייט (תהלים י"ב): "סביב רשעים יתהלכון", אז די רשעים, דאס הייסט די קליפות, נעמען איהם ארום, 'כרום זולות', ד. ה. בשעת די דאווענען, 'שהיא עומדת ברומו של עולם' [וואס זי שטייט אין די העכערקייט פון די וועלט] (ברכות ו:).

און זאלסט וויסען, אז ס'זענען פארהאנען אסאך טירן כדי ארויס צו גיין פון די פינסטערקייט, אזוי ווי חז"ל זאגן (יומא לח:): 'הבא לטמא, פותחין לו' – דער וואס וויל זיך מטמא זיין עפענט מען איהם – 'דאס הייסט זיי האבן אסאך עפענונגען'. קומט אויס אז מ'מאכט אויף א אפענע טיר ארויס צו גיין פון די פינסטערקייט. אבער דער מענטש איז א בלינדער און ער קען נישט זעהן די טיר ווי אהין גייט מען ארויס.

**און זאלסט וויסען, אז דורך אמת איז מען זוכה טרעפן דעם טיר. ווייל דער עיקר ליכטיגקייט וואס לייכט איז נאר דער אייבישטער, אזוי ווי עס שטייט (תהלים כ"ז): "ה' אורי וישעי" וכו'. און ווען דער אייבישטער איז מיט איהם, ער שיינט איהם ווי אזוי ער זאל ארוים גיין פון די פינסטערקייט וואס פארמאדט איהם פון זיין דאווענען, אזוי ווי עס שטייט: "ה' אורי" [ה' איז מיין ליכט].**

**און דאס איז דעם פשט (בראשית ו) "צהר תעשה לתבה", טייטש'ט רש"י: 'יש אומרים חלון, ויש אומרים אבן טוב' [א טייל זאגן א פענסטער, און א טייל זאגן א גוטע בריליאנט]; און דער אינטערשיד צווישן א פענסטער צו א גוטע שטיין, איז אז דער פענסטער האט נישט קיין אייגענע ליכטיגקייט, נאר דורך אים גייט אריין דאס ליכטיגקייט, אבער ווען ס'איז טינקל שיינט ער נישט. אבער א ברילינט, א דיאמנט, אפילו ווען סאיז נישט דא קיין ליכט פון אינדערויסן שיינט ער פון זיך אליין.**

**האט אזוי איז אויך דא לייט וואס זייערע רעדן איז אזוי ווי א פענסטער, און זיי האבן נישט קיין כח באלייכטן פון זיך אליין; און דאס הייסט 'יש אומרים', און זייערע אמירה – זייערע זאגן ווערט געמאכט פון דעם 'חלון' א פענסטער; און עס איז פאראן אזעלכע וואס זייערע זאגן לייכט וכו',** זעה דאס אלעם אונעם הייליגער רבינ'ם ווערטער.

און מוהרא"ש שליט"א האט מסביר געווען, אז דער עיקר חיות נעמט מען פונעם תפילה, אזוי ווי דוד המלך זאגט (תהלים מ"ב) תפילה לאל חיי – דאווענען צו דער גאט פון מיין לעבן. און ווען א מענטש געוואוינט זיך שטענדיג דאווענען פארן גאט ב"ה, און ער שמועסט זעיך אויס זיין הארץ צום טאטן פון הימל אזוי ווי פאר א גוטע פריינד, און א זוהן צו א טאטע. הייבט ער אן צו שפירן איין אנדערער טעם אין זיין גאנצע לעבן, ווייל זיין כח ווערט נתחדש און די אותיות פון די תפילה, און ער לעבט באמת גוטע און זיסע לעבן.

אבער ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען, קומען כל מיני מחשבות זרות מיט קליפות איהם צו מבלבל זיין, ווארום זיי זענען באשאפען געווארן פון זיין זינדליכע פארגאנגענהייט, ווייל פון יעדער זינד ווערט באשאפן א מלאך משחית מיט א קליפה, און די קליפות קומען נקמה האלטן מיט איהם, און איהם צו מבלבל זיין פון די דאווענען, זיי נעמען איהם ארום פון יעדער זייט, און אלעם ווערט טינקל און פינסטער און ער געפינט זיך אין א מורא'דיגע סכנה ער זאל נישט אינגאנצן אפלאזן די דאווענען, און ער זאל זיך נישט מייאש זיין פונעם אייבישטער'ס רחמנות.

איז דער עיקר עצה דעמאלס איז נאר צו זוכען דעם אמת'דיגע דיבור, דאס הייסט, זאגן די תפילה פון טיפן הארצן פון די ארט וואס ער געפינט זיך יעצט, אפילו טאמער ער איז ארום גענומען מיט א ביטערע פינסטערקייט. ווייל דער ריכטיגער דיבור וועט איהם באשיינען דעם אור פונעם באשעפער, און ער וועט איהם העלפן טרעפן דא סטיר כדי ער זאל קענען ארויס גיין פון דעם פינסטער.

און א וודאי זענען פארהאן אסאך אפענע פתחים ארויס צו גיין. און אזוי ווי חכמינו הקדושים זאגן (יומא ל"ח:) הבא ליטמא פותחין לו. היינו אפילו ווען ער קומט שוין זיך צו מטמא זיין, חס ושלום, שוין עפענט מען איהם ווען ער זאל קענען ראטעווען זיך פון דעם גדעכטן פינסטער. נאר די צרה איז אז די קליפות נעמען ארום די טיר און זיי מאכן ארום איהר פינסטער און מעפל אז ער זאל נישט קענען זעהן און טרעפן דאס ארויסגאנג.
דערפאר איז דער עיקר ארויס צו נעמען דעם דיבור פון מויל מיט אן אמת, היינו, שמועסן מיטן באשעפער און איהם דערציילן ווי אזוי ער געפינט זיך אין אזא ביטערע פינסטערקייט, און ווי איז איהם אזוי שמאל. און דעמאלס דער דיבור אמת וועט איהם באלייכטן דער געטליכע ליכטיגקייט, א בחינה פון (תהלים כ"ז) ה' אורי וישעי. דעמאלס וועט ער זעהן דער ליכטיגקייט וואס ווייזט דאס וועג ארויס צו גיין פונעם ביטערע חושך.

און דאס איז א מורא'דיגע און וווינדערליכע עצה פאר יעדער מענטש און אין יעדער צייט, ווייל שטענדיג אזוי ווי עס איז, אפילו אין דער גרעסטער פינסטער, אייביג קען ער זיך באהעפטן צום ריכטיגער דיבור, און רעדן צו דער גאט ב"ה, אזוי ווי אויבן איז דערמאנט – אלעס איהם פארציילן, און דאס אליין וועט איהם ראטעווען פונעם חושך, און ער וועט זוכה זיין באקומען א נייע חיות, מחדש צו זיין, זיין כח אינעם ווערטער פון די דאוונען, אשרי לו.
און דער הייליגער רבי איז אונז מגלה, אז דאס אלעס איז דער סוד פון תיבת נח, ווייל תיבת נח איז מרמז אויף תיבת התפילה, וואס שטיצט דאס מענטש פון די שטורעמישע וואסערן וואס זענען זיך מתגבר אין אלע אינדערויסענדיגע וועגן, און בשעת דער מבול גיסט אינדערויסן, וואס דאס זענען אלע פרעמדע מחשבות וואס ווערן געמאכט פון די מענטשענ'ס זינדן (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' מ"ד), און עס איז נישט דא קיין אנדערע עצה, נא זיך פארמאכן אין דעם תיבת התפילה, און טרעפן דעם דיבור אמת ארויס צו גיין פונעם חושך, וואס דאס וואס נח האט זיך פארבאטן (בראשית ו') **צהר תעשה לתיבה**, און רש"י טייטש - **יש אומרים חלון ויש אומרים אבן טוב**, וואס מען האט איהם פארבאטן צו מאכן א ליכטיגקייט אין די תיבת התפילה, עס זאל איהם שיינען אין דער גרויסער פינסטער וואס האט געהערשט וועלט.

breslevcity.co.il

און עס איז פארהאן אין דעם צוויי מדריגות. עס איז דא איינער וואס ער האלט אין די מדריגה פון **"אבן טוב"**, היינו אז ער שיינט פון זיך, און ער דארף נישט ליכטיגקייט פון אינדערויסן, ווייל ער איז זיך מתגבר אין עבודת התפילה פון זיך אליין, און שטענדיג טרעפט ער דעם דיבור אמת, זאל איהם שיינען ארויס צו גיין פון דעם חושך, וואס דאס איז - **"יש אומרים"** - **אבן טוב**, היינו, די מענטשן וואס זייערע אמירה [זאגן] איז אזוי ווי א גוטע שטיין וואס שיינט פון זיך.

אבער עס איז דא איינער וואס ער האלט נישט דערביי, נאר ער איז אין די בחינה פון א חלון [א פענסטער], און אויב מען שיינט איהם פון אינדערויסן, גיבט ער א פלאץ צו די ליכטיגקייט אריין גיין אינעווייניג, אזוי ווי די שטייגער איז פון ליכטיגקייט אריין צו גיין אינעווייניג, אזוי שטארקט ער זיך עוסק צו זיין אין תפילה ווען מען איז איהם מעורר, וואס דאס איז **"יש אומרים"** - **חלון**, וואס זייערע 'אמירה' איז געגליכען צו איין חלון. קומט אוים אז אין תיבת נח איז מרומז ווי אזוי זיך מחזק צו זיין אין עבודת התפילה אין יעדער ארט און אין יעדער צייט, און ווי אזוי דרייט מען איבער די צר"ה צו א צה"ר [א אפענקייט] – וואס א גאנץ לעבן זאל איהם שיינען די אור פונעם אייבישטער.

און מוהרא"ש שליט"א האט געזאגאט, אז דורך דעם, קען מען גאנץ גוט פארשטיין רש"י הקדוש'ס רייד אין אנפאנג וואכעדיגע סדרא אויפן פסוק (בראשית ו') **תמים היה בדורותיו** – 'יש מרבותינו דורשים אותו לשבח, כל שכן שאילו היה בדור צדיקים היה צדיק יותר, ויש שדורשים אותו לגנאי, לפי דורו היה צדיק, ואילו היה בדורו של אברהם לא היה נחשב לכלום'.

און לכאורה איז דאס א גרויסע ווינדער, פארוואס זאל מען דרש'ענען צום שלעכט'ס נח'ן, וואס די הייליגע תורה אליין איז מעיד אויף איהם "איש צדיק תמים"?

אבער לויט דאס אלעם איז גאנץ גוט פארענטפערט, אז די כוונה איז נישט ממש שלעכט'ס, נאר די מחלוקה איז נאר אין וואס פאר א מדריגה האט ער געהאלטן אין עבודת התפילה, לויט די "יש אומרים" אז ער האט געהאט אין די תיבה א גוטע שטיין, מיינט מען אז ער האט געהאלטן אין די מדרגה פונעם בריליאנט וואס שיינט פון זיך אין די עבודת התפילה, און ער האט נישט געדאריץ די אינדערויסנדיגע ליכטיגקייט, דעמאלט איז מען דורש **"בדורותיו"** צו שבח, ווייל טאמער ער וואלט געלעבט אינעם דור פון צדיקים, וואלט ער געווען א גרעסערער

צדיק. ווייל ער וואלט געשיינט אין זיין לעכטיגער דאווענען פאר די וואס זענען אינדערויסן, וואס דאס איז דער גרעסטער שבח.

אבער לויט די "יש אומרים", וואס 'חלון היה לו בתיבה', אין די ליכטיגקייט איז געקומען פון אינדערויסן, דרשענען זיי "**בדורותיו**" צו גנאי, ווייל טאמער ער וואלט געלעבט אין דער דור פון אברהם אבינו, וואס ער האט א ודאי באלויכטן די עבודת התפילה פאר דער גאנצע וועלט אזוי ווי א גוטע שטיין, און אזוי ווי חכמינו הקדושים זאגן (בבא בתרא ט"ז:) אבן טובה היתה תלויה בצווארו של אברהם אבינו שכל חולה הרואה אותו מיד מתרפא, ובשעה שנפטר אברהם אבינו מן העולם תלאה הקדוש ברוך הוא בגלגל חמה. [א גוטע שטיין איז געהאנגען אינען האלדז פון אברהם אבינו, און יעדער קראנקער וואס האט זי געזהען איז ער געהיילט געווארן, און ווען אברהם אבינו איז נסתלק געווארן, האט דער אייבישטער געהאנגען אינעם קוגל פון דע זון] אויב נח וואלט געווען אין יענעם דור 'לא היה נחשב לכלום' [וואלט ער גארנישט גערעכנט געווארן], ווייל ער וואלט זיך נתבטל געווען פארן גרויסע ליכטיגקייט פון אברהם אבינו, אזוי ווי די לבנה איז מתבטל פאר די אור החמה, וואס דאס איזו וואס רש"י טייטש דערנאך - **את האלהים התהלך נח**, און אין אברהם זאגט ער (בראשית כ"ד) אשר התהלכתי לפניו, נח היה צריך סעד לתומכו [נח האט געדארפט מען זאל איהם צו העלפן] אבל אברהם היה מתחזק ומהלך בצדקו מאליו [אבער אברהם האט זיך געשטארקט און געגאנגען אין זיין צידקות פון זיך אליין], ווייל אברהם האט געהאט די אבן טובה אין זיין האלדז, היינו אין זיין דיבור, וואס ער האט געשיינט פון זיך, אין ער האט קיין הילף נישט געדארף האבן, אבער נח, לויט די "יש אומרים" אז ער האט געהאט אינעם תיבה א חלון, האט ער געדארף אז מען זאל איהם העלפן, מען זאל איהם שיינען פון אינדערויסן ער זאל זיך שטארקן אין עבודת התפילה, דערפאר - **את האלהים התהלך נח**. והבן.

און השם יתברך זאל אונז מזכה זיין, זיין באשעפטיגט אין עבודת התפילה מיט אן אמת, סיי אין אנפאנג אין די בחינה פון חלון, וואס מיר וועלן אנעמען דער אור פון אינדרויסן, און סיי שפעטער אין די בחינה פון אבן טוב, וואס מיר וועלן שיינען דער אור פון די תפילה אויף די גאנצע וועלט, ביז מען זאל זוכה זיין צו זעהן די התגלות פונעם געטלכע ליכטיגקייט פאר די גאנצע מענטשהייט, במהרה בימינו אמן ואמן.

breslevcity.co.il